אינעם פריערדיגן גליון האט מען ארומגערעדט, אז דער עיקר נקודה פון תשובה איז: 'חרטה', וואס דער מענטש שפירט אין הארץ א טיפע געפיל פון חרטה, און **ער וואלט געוואלט צוריקדרייען דעם זייגער, אז ער זאל נישט האבן געזינדיגט**. און מען האט גערעדט, אז ווען א מענטש איז זוכה צו לעבן מיטן 'אור הנשמה' וואס חסידות האט מגלה געווען, ווערט ער אזוי איידל און דערהויבן, וואס דורכדעם קומט ער אָן צו שפירן די סארט חרטה געפילן.

**חסידות האט מחדש געווען 'תשובה מתוך קירבה'**

באזונדער האט חסידות מגלה געווען א ספעציעלן מחודש'דיגן אור אין תשובה, וועלכע רופט זיך 'תשובה מתוך קירבה'. דאס הייסט, אז אנשטאט די חרטה געפילן זאלן זיין געבויעט אויף נעגאטיווע מחשבות פון טראכטן 'איך בין אזוי נידריג', 'איך בין אזא חוטא ופושע', וכדומה - זאלן די חרטה געפילן זיין געבויעט אויף פאזיטיווע מחשבות, וואס א מענטש זאל טראכטן: **"איך בין אזא ריינע נשמה וועלכע איז אזוי פארקערט ווי חטא!", "איך בין א בן מלך, וואס א חטא שטייט אים אזוי נישט גוט!"**, וכדומה. וואס די סארט מחשבות ברענגען צו א גאר טיפע און שורש'דיגע חרטה - וועלכע איז נישט בלויז א 'וועג' וואס מען דארף דורכגיין כדי ארויסצוגיין פונעם נידריגן מצב און ווערן דערהויבן - וואס דעמאלט פארגעסט מען פון חרטה האבן, נאר פארקערט, עס הייבט זיך גאר אָן פון א דערהויבנקייט! וואס יעצט - אינעם דערהויבענעם מצב - קוקט ער אויף צוריק, און קען זיך נישט מוחל זיין אויף דעם וואס ער איז אמאל געווען אזוי נידריג און דערוויטערט! מען וועט אויסשמועסן באריכות צוויי סארט חסיד'ישע געדאנקען וואס א מענטש קען אריינטראכטן, און דורכן זיך פארטיפן דערין קען ער אנקומען צו אזא סארט טיפע חרטה פון 'תשובה מתוך קירבה'.

**די אהבה פונעם רבוש"ע צו א איד איז בלי שיעור**

דער אויבערשטער האט ליב יעדן איד מיט א געוואלדיגע אהבה; ווי מען זעט אין צענדליגע פסוקים דורכאויס גאנץ תורה, נביאים און כתובים. אפגערעדט פון שיר השירים וועלכע איז דאך מיוסד נאר אויף דעם, נאר אפילו אין אנדערע ספרי קודש ווערט כסדר אראפגעלייגט די דאזיגע מורא'דיגע אהבה מיט אלע סארט אויסדרוקן און משלים; ווי למשל, דאס וואס דער נביא זאגט (מלאכי א, ב): "אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'" - דער אויבערשטער זאגט 'איך האב ענק ליב'. וואס דארף מען מער ווארימערע ווערטער פון דעם פסוק (ירמיה לא, יט): "הֲבֵן יַקִּיר לִי אֶפְרַיִם אִם יֶלֶד שַׁעֲשֻׁעִים כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד עַל כֵּן הָמוּ מֵעַי לוֹ רַחֵם אֲרַחֲמֶנּוּ נְאֻם ה'", אדער פון דעם פסוק (ישעיה מט, טו): "הֲתִשְׁכַּח אִשָּׁה עוּלָהּ מֵרַחֵם בֶּן בִּטְנָהּ גַּם אֵלֶּה תִשְׁכַּחְנָה וְאָנֹכִי לֹא אֶשְׁכָּחֵךְ הֵן עַל כַּפַּיִם חַקֹּתִיךְ". און אזוי זענען פאראן פילע פסוקים וואו **די נביאים מוטשען זיך צו טרעפן דעם ריכטיגן משל וועלכע זאל קענען ארויסגעבן עטוואס פון דער גרויסער אהבה וואס דער רבונו של עולם האט צו יעדן איד!** עס איז אן אהבה וועלכע האט נישט קיין שיעור און קיין ערך! עס איז נישט שייך דאס געגנוג מסביר צו זיין.

**די מצוה פון 'אהבת ה' במסירות נפש' שרייט ארויס די קאכעדיגע אהבה פונעם רבוש"ע צו אונז**

אינ'אמת'ן דארף מען נישט זוכן קיין פסוקים און ראיות אז דער אויבערשטער האט ליב א איד, נאר מען קען עס זען פשוט פונעם פסוק וואס מיר זאגן יעדן טאג ביי קריאת שמע: "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ וּבְכָל מְאֹדֶךָ" - די תורה פארלאנגט, אז א איד זאל האבן אזא פלאקערדיגע אהבה צום רבונו של עולם, אז ער זאל זיין גרייט אוועקצוגעבן אלעס וואס ער פארמאגט - ארייננגערעכנט זיין לעבן - פארן רבונו של עולם. אויב די תורה פארלאנגט דאס פון א איד, מוז זיין אז דער רבונו של עולם האט אויך כאטש אזא פלאקערדיגע אהבה צום איד! ווייל שלמה המלך זאגט דאך א כלל (משלי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם" - אהבה ארבעט נאר אויף ביידע וועגן! דאס הייסט, עס איז נישט במציאות, אז איינער זאל ליב האבן א צווייטן, טאמער יענער האט אים נישט ליב אויף צוריק! דאס הארץ קען נישט באווייזן צו אנטוויקלען אזא געפיל! עס ארבעט נישט! און אפילו אין דער 'מאס' פון אהבה - מוזן אויך זיין ביידע איינים, ווייל איינער קען נישט ליב האבן דעם צווייטן מיט א 'שטארקע אהבה', טאמער יענער האט אים ליב בלויז מיט א 'שוואכע אהבה'. דעריבער, **אויב דער רבונו של עולם פארלאנגט פון אונז, אז מיר זאלן אים ליב האבן מיטן גאנצן הארץ ביז מסירת נפש, מוז זיין אז מיר קענען דאס באווייזן! דאס הייסט, עס מוז זיין אז דער רבונו של עולם האט צו אונז אויך אזא שטארקע אהבה!** קומט אויס, אז אינעם פסוק "וְאָהַבְתָּ", ליגט א מורא'דיגער כרוז וואס דער רבונו של עולם כביכול

**נקודות:**

חסידות האט מגלה געווען אן אור וועלכער רופט זיך 'תשובה מתוך קירבה', אז די חרטה געפילן זאלן זיין געבויעט אויף פאזיטיווע מחשבות, וואס אינעם דערהויבענעם מצב קוקט ער אויף צוריק, און קען זיך נישט מוחל זיין אויף דעם וואס ער איז אמאל געווען אזוי נידריג און דערווייטערט!

**נקודות:**

אל אויב דער רבונו של עולם פארלאנגט פון אונז, אז מיר זאלן אים ליב האבן מיטן גאנצן הארץ ביז מסירת נפש, מוז זיין אז מיר קענען דאס באווייזן! דאס הייסט, עס מוז זיין אז דער רבונו של עולם האט צו אונז אויך אזא שטארקע אהבה!

~

ווען ער דערהערט אביסל די געוואלדיגע אהבה און רחמנות פונעם איבערשטן צו אים, און ער דערמאנט זיך אין זיינע עבירות וואס ער האט געטון קעגן דעם רבונו של עולם – כאפט אים אָן א מורא'דיגע חרטה געפיל: "נאך אזא אהבה און געטריישאפט פונעם רבונו של עולם, האב איך אים מצער געווען?! וואס האב איך דא געטון?! וויאזוי האב איך געקענט מצער זיין די שכינה הקדושה מיט אזא פרעכהייט?!

זאגט דא צו יעדן איד בפרטיות: "איך האב דיר ליב בכל לבבי ובכל נפשי ובכל מאודי בתכלית האהבה!".

### משל: אן אלטער טאטע צו זיין איינציגן 'בן יחיד'

חסידות האט געלייגט א שטארקן דגוש אויפן פסוק (דברים יד, א): "בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם", אז א איד זאל אנקוקן דעם רבונו של עולם ווי זיין'ס א טאטע, און נישט ווי סתם א טאטע, נאר ווי א טאטע וועלכער איז דער גרעסטער 'אב הרחמן', א טאטע וועלכער האט זוכה געווען אויף דער עלטער צו איין איינציגן 'בן יחיד', און ער קוקט אריין אינעם בן יחיד'ל יומם ולילה און איז נישט מסיח דעת פון אים קיין רגע, **א גאנצן צייט טראכט ער: "וואס טוט יעצט מיין זון?! וואס מאכט ער?! אין וואספארא מצב איז ער יעצט?!"**, און ער קען נישט **שלאפן ביינאכט** פון די פילע מחשבות וואס לויפן אים אין קאפ איבער זיין באליבטן זון.

### דער רבוש"ע איז נישט מסיח דעת פון אונז

דוד המלך זאגט (תהלים מ, ו): "נִפְלְאֹתֶיךָ וּמַחְשְׁבֹתֶיךָ אֵלֵינוּ" - **רבונו של עולם, דיינע מחשבות זענען א גאנצן צייט איבער אונז! דו טראכסט פון אונז און דו ביסט נישט מסיח דעת פון אונז!** דער רבונו של עולם איז דער געטרייעסטער טאטע צו יעדן איד באזונדער! ער האט באשאפן יעדן איד מיטן ציל פון 'להטיבך באחריתך', אים צו געבן די גרעסטע גוטס וואס איז נאר פארהאן אין אלע עולמות! און צוליב דעם איד - האט ער באשאפן די גאנצע וועלט! און אלעס וואס דער רבונו של עולם דרייט מיט דעם איד - אפילו אויב עס קוקט אויס נישט גוט, איז אלעס בלויז לטובתו! און אפילו טאמער דער איד פארזינדיגט זיך און דערווייטערט זיך פונעם רבונו של עולם - טראכט נאכאלץ דער איבערשטער פון אים א גאנצן צייט; ווי דער פסוק זאגט (שמ"ב יד, יד): "וְחָשַׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבִלְתִּי יִדַּח מִמֶּנּוּ נִדָּח". און **טאמער דער רבונו של עולם מוז אים ליידער געבן אן עונש אויף זיין רשעות, און דער איד וואלגערט זיך פון יסורים - טראכט ווייטער דער איבערשטער פון אים, און דער רבונו של עולם האט אסאך גרעסערע יסורים כביכול - ווי זיינע יסורים**; ווי די משנה זאגט (סנהדרין מו.): "בשעה שאדם מצטער שכינה מה לשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי, אם כן המקום מצטער על דמן של רשעים שנשפך קל וחומר על דמן של צדיקים" - אפילו אויף דער צער פון רשעים קלאגט די שכינה, ווייל עס טוט איר וויי דער צער פון איר בן יחיד'ל.

### וויאזוי האב איך דאס געקענט טון פאר אים?

טאמער א מענטש האט אביסל איידלקייט אין זיך, און ער דערהערט אביסל די געוואלדיגע אהבה און רחמנות פונעם איבערשטן צו אים, און פונעם צווייטן זייט דערמאנט ער זיך אין זיינע עבירות וואס ער האט געטון קעגן דעם רבונו של עולם - כאפט אים אָן א מורא'דיגע חרטה געפיל! ער טראכט צו זיך: "נאך אזא אהבה און געטריישאפט פונעם רבונו של עולם, האב איך אים מצער געווען? וואס האב איך דא געטון? וויאזוי האב איך געקענט מצער זיין די שכינה הקדושה מיט אזא פרעכהייט? איך בין א שלאנג צי א מענטש? **וויאזוי האב איך געקענט זיין אזא 'קשה עורף' - צו זיין אזוי נישט סענסעטיוו צום רבונו של עולם'ס געפילן כביכול? אפילו ווען עס וואלט געווען א בשר ודם וועלכער איז אזוי גוט צו מיר, און איך האב נישט געפילט פאר יענעם - וואלט איך זיך נישט געקענט מוחל זיין, און דא רעדט מען דאך פונעם בורא כל עולמים, וואס מלאכים און שרפים ציטערן פאר אים, און איך בין געגאנגען בשאט נפש און אים פשוט מצער געווען! ווי קען איך זיך מוחל זיין?"**.

ב.

## אבדה שאין לה תמורה:
## דערלייגט א ליכטיג לעבן אויף ביידע וועלטן

### ווי שיין און זיס איז דאס לעבן פון א צדיק

מען וועט אויסשמועסן נאך א חסיד'ישער געדאנק וואס א מענטש קען טראכטן און זיך מתבונן זיין, און דורכדעם תשובה טון 'מתוך קירבה' מיט אן אמת'ע חרטה. א מענטש זאל אריינטראכטן: ווי גוט עס איז צו זיין א צדיק און ווי ליכטיג א צדיק לעבט אפ א לעבן. צו באקומען א שטיקל בילד אויף א צדיק, איז כדאי דורכצולערנען ווי דער חובת הלבבות (שער הפרישות פ"ד) גיבט אונז א באגעגעניש מיטן פרוש: ער איז 'רך מחמאה' און 'מתוק מדבש' - **א ווייכער מענטש, זיס ווי צוקער. ער איז א שטיק איידלקייט און דערהויבנקייט. ער שיינט מיט א צהלת פנים. זיינע ווערטער זענען ריין און איידל**, און מען הערט נישט פון אים קיין שום גנות וואס פאסט נישט פאר א חלק אלוק ממעל. אלץ וואס ער טוט איז דורכגעווייקט מיט ענוה און יראת שמים. ער איז אויסגעארבעט מיט יעדע גוטע מדה אין דער וועלט. ער האט אינזין א צווייטן מער ווי זיך אליינס, און ער האט ממש הנאה צו טון חסד. ער דארף גארנישט פון מענטשן, נישט זייער כבוד, נישט זייער געלט און נישט זייער חיזוק. ער איז אן איש נשמה וועלכער דארף בלויז דעם רבונו של עולם און נישט עפעס אנדערש. ער קען זיך זיצן באהאלטן אין זיינע ד' אמות, דאווענען און לערנען תורה לשמה, און **דער רבונו של עולם באלייכט אים מיט אן 'אור הפנים', ער איז מרגיש אזא מין מתיקות אין זיין תורה און תפלה, ער שפירט א געוואלדיגע זיסקייט אין מצוות און אין א שבת.** ער האט זיך א וועלט פאר זיך, וואו ער איז שטענדיג מיטן רבונו של עולם און דער רבונו של עולם איז שטענדיג משגיח אויף אים. ער שפירט זיך אזוי באליבט ביים רבונו של עולם; ווי די משנה זאגט (אבות פ"ו מ"א): "נקרא ריע, אהוב, אוהב את המקום, אוהב את הבריות, משמח את המקום". דער צדיק לעבט דאך אין אזא ליכטיגע וועלט - אפילו בחיים חיותו אויף דער וועלט.

### א צדיק אויף יענער וועלט - נישטא קיין גליקליכערע מענטש

ווען מען וויל אריינטראכטן אין דער גרויסקייט און זיסקייט פונעם צדיק 'אויף יענער וועלט' - פארלירט מען שוין אינגאנצן די ווערטער און שפראך! עס איז פשוט נישטא דאהי קיין משלים דערצו! ווי דער פסוק זאגט (ישעיה סד, ג): "עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ". מען קען זיך בלויז דמיונ'ען און אויסמאלן די גרעסטע דוגמאות פון כבוד און גרויסקייט, פון ליכטיגקייט און זיסקייט, פון הייליגקייט און דערהויבנקייט, און דאס אלעס קומט נישט צו צום אמת'ן מצב פון א צדיק אויף יענער וועלט.

### דו קענסט אויך זיין א צדיק!

יעדער מענטש אויף דער וועלט האט די בחירה צו ווערן א צדיק! **מען האלט קיינעם נישט אפ פון ארבעטן אויף זיך, צו בייקומען אלע נסיונות החיים, ביז מען קומט אָן צו ווערן א צדיק און לעבן אט דער ליכטיגער לעבן פון א צדיק**; ווי עס איז באקאנט פונעם צאנזער רב זי"ע, אז ווען איינער האט אריינגעשריבן אינעם קוויטל 'יראת שמים', האט ער אים אנגעשריגן: "דו גאלגאן, ווער לאזט דיר נישט? האט דיר איינער נישט געלאזט זיין א 'ירא שמים'? ווער לאזט דיר נישט?". ווייל עס איז נישטא עפעס א געוויסער סוג מענטשן וואס זיי האט מען פון הימל באשאפן צו זיין צדיקים, און די אנדערע מענטשן האט מען באשאפן צו זיין פשוט'ע אידן, נאר מען האט באשאפן יעדן איד מיט כוחות דקדושה, אז טאמער ער וועט וועלן וועט ער ווערן א צדיק! און די אלע וועלכע מיר ווייסן אז זיי זענען געווען צדיקים - איז עס נאר געקומען פון דעם וואס זיי האבן אליינס בוחר געווען און האבן געארבעט, ביז זיי זענען אנגעקומען צו דער מדרגה פון צדיקים.

### פארוואס בין איך געווען אזוי אכזריות'דיג צו מיר אליינס?

ווען א מענטש טראכט אריין, ווי גוט עס איז צו זיין א צדיק אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און פון צווייטן זייט טראכט ער אריין: "איך וואלט דאך געקענט זיין א צדיק! קיינער האט דאך מיר נישט אפגעהאלטן פון זיין א צדיק! און דא זעה איך וואספארא פראסטע בריאה איך בין, דא רעד איך לשון הרע און דא פאל איך דורך מיט א מחשבה, איך בין נישט צו דער זאך! **וועלכער אכזר בין איך געווען צו מיר אליינס? איך וואלט דאך געקענט זיין אזא ליכטיגער מענטש ווי עס פאסט פאר א חלק אלוק ממעל! און אויף יענער וועלט, וואלט איך דאך געקענט שיינען מיט אזעלכע ליכטיגקייטן און געטליכע תענוגים, אויף אן אופן וואס איז נורא נוראות! פארוואס האב איך נישט געהאט קיין שכל? פארוואס האב איך גע'זינדיגט?"**.

ווען א מענטש טראכט אריין אין אזעלכע סארט מחשבות מיט אביסל איידלקייט, קען ער שפירן אזא מין חרטה, אז פון גרויס מרירות און פון גרויס קנאה אויפן צדיק, וועט ער פילן ווי ער האלט עס נישט אויס.

### דער עיקר איז דער 'מרדות בלב'

דער פסוק זאגט (ישעיה ו, י): "וּלְבָבוֹ יָבִין וָשָׁב". כדי א מענטש זאל תשובה טון, מוז זיין 'הארץ' פארשטיין! עס איז נישט גענוג אז ער פארשטייט עס אין קאפ, נאר ער מוז עס פילן! און **ווילאנג א מענטש איז פארגרעבט און זיין הארץ איז פארשטאפט, קען מען אים זאגן די אלע אויבנדערמאנטע דיבורים, אבער ער וועט גארנישט נתפעל ווערן דערפון, ווייל עס שאקלט נישט אויף די 'נקודה שבלב'**. אבער א חסיד'ישער איד וועלכער ליגט אין חסידות און אין אלע ענפי החסידות - באקומט אן איידלקייט בנפש, און איינמאל ער איז אן איידעלע נפש וועלן די אלע סארט דיבורים אים דערלאנגען א געזונטן 'מרדות בלבו של אדם'! עס וועט מיינען עפעס און ער וועט נתפעל ווערן דערפון! ער וועט שפירן אזא טיפקייט פון חרטה, אז ער וועט עס נישט קענען אויסהאלטן! און ווי מער ער וועט פועל'ן ביי זיך אן איידלקייט און העכערקייט - אלץ מער וועט ער פילן א טיפערע חרטה אויף דער עבירה. און דאס איז דער 'ראשית' און די 'התחלה' פון תשובה על פי חסידות. אודאי איז אויך פארהאן אן ענין פון 'עזיבת החטא', אז אפילו טאמער דער מענטש פילט גארנישט, זאל ער כאטש אויפהערן צו טון דעם חטא און חרטה האבן וויפיל ער קען יא. אבער דער עיקר ווארט פון תשובה איז, ווען ער פועל'ט ביי זיך א געוויסן אמת'ן הרגש פון חרטה.

**וואס האט דיר די שכינה אזויפיל שלעכטס געטון?**

די וועלט פארציילט א מעשה אויפן ראפשיצער רב זי"ע, אז א בעל תשובה איז אמאל געקומען צו אים, אז ער וויל פאסטן און זיך מסגף זיין, און געבעטן אז דער רבי זאל אים געבן א 'סדר התשובה'. האט אים דער ראפשיצער רב געזאגט: "דו ביסט נאכנישט גרייט פאר מיין 'סדר התשובה' וואס איך וויל דיר געבן, ווייל כדי דו זאלסט קענען מקבל זיין מיין 'סדר התשובה' מוזטו זיין געזונט און שטארק! קודם זאלסטו גוט עסן, שלאפן אסאך און פילעווען דעם גוף, כדי דו זאלסט זיין געזונט און שטארק!". נאך א וואך פרעגט אים דער בעל תשובה: "רבי, מען קען שוין אנהייבן מיט דער סדר תשובה?". זאגט ער אים: "ניין, דו ביסט נאכנישט גרייט! גיי אָן ווייטער מיטן עסן און שלאפן!". עס איז אריבער א חודש צייט, און יענער האט זיך שוין נישט געקענט דערווארטן, האט ער געזאגט: "רבי, איך קען שוין נישט ווארטן! דער רבי זאל מיר שוין זאגן די תשובה!". האט אים דער ראפשיצער רב געזאגט: "אינ'אמת'ן ביסטו נאכנישט גרייט, אבער אז דו ווילסט דוקא שוין הערן, וועל איך דיר זאגן". און דער ראפשיצער רב האט אים געפרעגט איין שאלה: "**וואס האט דיר די שכינה אזויפיל שלעכטס געטון, אז עס איז זיך איר געקומען, אז דו זאלסט איר אזוי מצער זיין?!**". ווי נאר דער מענטש האט געהערט די ווערטער ארויסקומען פונעם צדיק'ס הייליג מויל - האט ער גע'חלש'ט אויפן פלאץ פון גרויס מרירות און חרטה וואס האט אים באנומען עד דכדוכה של נפש. ווען מען האט אים דערמונטערט, האט אים דער ראפשיצער רב געזאגט: "נו, איך האב דיר דאך געזאגט אז דו ביסט נאכנישט גרייט מקבל צו זיין מיין 'סדר התשובה'!". זעלבסט פארשטענדליך, אז טאמער וואלט אים א צווייטער געזאגט די זעלבע ווערטער - וואלט ער נישט גע'חלש'ט... ווייל עס וואלט נישט אריינגעאנגען אזוי טיף אין הארץ. דאס איז נאר געקומען דורכן כח פון א דיבור אמת וועלכע איז ארויסגעקומען מעומק הלב פון א צדיק אמת, אט די קדושה האט אים אזוי אויסגעאיידלט און אויפגעטרייסלט זיין הארץ, אז ער האט עס פשוט נישט געקענט אויסהאלטן.

ג.

# חדש ימינו כקדם: איינער וואס טוט תשובה איז נישט קיין 'בדיעבד' נאר א 'לכתחלה'

**אמונה אין גודל כח התשובה - אן עיקר אין גאנץ אידישקייט**

נאכדעם וואס א מענטש האט שוין חרטה געהאט און תשובה געטון אויף זיינע עבירות, **הייבט זיך אָן אן עבודה פון 'אמונה בתשובה' - גלייבן אינעם גרויסן כח פון תשובה, וואס דאס איז בכלל א גרויסער עיקר אין תשובה**; ווי דער רמב"ם זאגט (שגגות פ"ג ה"י): "אין יום הכפורים ולא החטאת ולא האשם מכפרין אלא על השבים המאמינים בכפרתן אבל המבעט בהן וכו' והוא אומר או מחשב בלבו שאין אלו מכפרין אע"פ שקרבו כמצותן לא נתכפר לו וכו' וכן המבעט ביום הכפורים אין יום הכפורים מכפר עליו" - אלע 'עניני כפרה' ארבעטן נאר אויב דער מענטש גלייבט דערין. און אויסער דעם, איז עס זייער א וויכטיגע ידיעה וועלכע קען צוציען אסאך מענטשן צו טון תשובה און זיך נעמען אין די הענט אריין, ווייל די דאזיגע ידיעה - ווי מען וועט עס אויסשמועסן - נעמט אוועק איינע פון די גרעסטע מניעות וואס מענטשן האבן פון תשובה; ווי פאלגענד.

**משל: א מענטש וואס מוז א גאנץ לעבן אנקומען צו מעדיצינישע באהאנדלונג שפירט זיך ווי א 'בדיעבד'**

יעדער מענטש אויף דער וועלט האט ליב צו זיין א 'לכתחלה' און נישט קיין 'דיעבד'. ווי למשל אין בריאות הגוף, וויל יעדער מענטש זיין געזונט און שטארק אויף אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים - אויף א לכתחלה'דיגן אופן וויאזוי דער רבונו של עולם האט באשאפן דעם מענטש. טאמער דער דאקטער וועט זאגן פאר א גוי: "פון היינט און ווייטער מוזטו איינעמען א געוויסן מעדעצין - איינמאל אין זעקס חדשים, און טאמער וועסטו פארפעלן צו נעמען דעם מעדעצין - וועסטו זיכער שטארבן!", וועט ער ארויסגיין פון דארט מיט זייער א געפאלענעם געמיט. ער וועט פילן ביי זיך: "שוין, איך בין שוין נישט קיין געזונטער מענטש! איך בין שוין נישט קיין לכתחלה! איך שטיי שוין נישט אויף מיינע אייגענע צוויי פוס! א גאנץ לעבן מוז איך שוין זיין צוגעבונדן צו דעם געוויסן מעדעצין!". א איד איז א 'חלק אלוק ממעל' און ער האט די זעלבע תשוקה אויך ברוחניות! נישט אלעמאל איז דאס אזוי בהתגלות, אבער **יעדער איד האט אין זיך א באהאלטענע תשוקה, אז ער וויל זיין א 'לכתחלה'דיגער' איד! ער וויל נישט לעבן א גאנץ לעבן אויף א בדיעבד'יגן אופן!** ער וויל זיין אזוי ווי מען דארף טאקע צו זיין לכתחלה!

**דער אלגעמיינער בליק אויף תשובה: עס איז שוין נישט דער לכתחלה'דיגער פלאן**

דער נאטורליכער געפיל און בליק אויף תשובה - ביי איינעם וואס האט נישט דורכגעטון די סוגיא - איז, אז פון היינט און ווייטער וועט ער שוין א גאנץ לעבן זיין א 'בדיעבד'! אין אנדערע ווערטער: "בעצם וואלט איך לכתחלה געדארפט זיין א צדיק גמור וועלכער זינדיגט קיינמאל נישט, און דאס וועל איך שוין קיינמאל נישט זיין! למעשה, האב איך שוין געזינדיגט און פארשמירט מיין בלאט, און דאס קען מען שוין נישט אפמעקן כאילו לא היה! וואס איז געווען איז געוועזן! נאר וואס דען? דער רבונו של עולם וויל דאך נישט אז מען זאל זיך אריינלייגן אין קבר לעבעדיגערהייט... האט ער 'בלית ברירה' געגעבן א שטיקל עצה אויף צו קענען אנגיין ווייטער, אז מען האט נאכנישט אלעס פארלוירן, מען וועט תשובה טון און עס וועט ווערן פאררעכטן. אבער **עס איז כאילו מען האט מיר 'מוותר' געווען און פון יעצט און ווייטער וועל איך האבן אזא טאוול פון א 'בעל תשובה'! א גאנץ לעבן וועל איך שפירן א שטאך אין הארץ, אז 'איך האב נישט זוכה געווען צו זיין א לויטערער צדיק ווי מען דארף צו זיין - איך בין בלויז א בדיעבד'!**".

**צוליב דעם בליק וויל נישט דער מענטש תשובה טון**

וויבאלד א מענטש האט א בדיעבד'יגן בליק אויף תשובה, דעריבער האט ער נישט קיין אפעטיט צו טון אין דער נושא פון תשובה, און **דאס איז דער עיקר מניעה וועלכע לאזט נישט מענטשן תשובה טון.** יעדעס מאל וואס עס קומען אים ארויף הרהורי תשובה, אז מען דארף זיך פארבעסערן און טוישן געוויסע זאכן אין לעבן, קומט באלד דער יצר הרע און זאגט אים: "טאמער וועסטו טאקע עכט איינזען אז דו האסט געמאכט א גרייז אין דיין לעבן - וועסטו דאך זיין א פעלערהאפטיגער מענטש א גאנץ לעבן! דו וועסט דאך א גאנץ לעבן ארומגיין מיט שולד געפילן, פארוואס דו ביסט נישט קיין צדיק! **א גאנץ לעבן וועסטו דארפן איינגעמען דעם מעדעצין פון 'תשובה'! דעריבער איז אסאך בעסער דו זאלסט אוועקשטופן די אלע הרהורי תשובה, און בלייבן ווייטער אינעם 'תרדמת הזמן'**... לעב ווייטער מיט א הנחה אז דו ביסט א 'לכתחלה' און דו האסט נישט געמאכט קיין שום גרייז אין לעבן!".

**די תורה שרייט איבעראל: דער בעל תשובה איז ממש א לכתחלה!**

מען דארף וויסן, אז די דאזיגע השקפה אז א 'בעל תשובה' איז א בדיעבד - איז קעגן די תורה! עס איז אן אפגעפרעגטע השקפה **מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים! וואו מען קוקט נאר אין דער גאנצער תורה, זעט מען ממש פארקערט! די תורה האט געלייגט א שטארקן דגוש, אויף דער 'חביבות' וואס דער רבונו של עולם האט צו א בעל תשובה!** די נביאים האבן געגעבן פאר א בעל תשובה די גרעסטע דברי חיזוק וואס עס איז נאר שייך! און דאס איז נישט חס ושלום סתם 'חיזוק' וואס מען וויל אים באארבעטן, כדי אז ער זאל זיך נישט צוריקהאלטן פון תשובה טון, ניין! די תורה איז א תורת אמת! אויב די תורה זאגט אזויפיל חיזוק אויף תשובה, איז פשט, אז דאס איז א יסוד אין אידישקייט, און עס איז זייער וויכטיג אז יעדער איד זאל זיין קלאר אין דער ריכטיגער השקפה אויף תשובה!

**די לשונות פון רמב"ם: דער רבוש"ע האט ליב דעם בעל תשובה נאכמער פונעם צדיק גמור!**

דער רמב"ם איז דאך דער 'פוסק' אויף הלכות תשובה, און ער שרייבט (תשובה פ"א ה"ג): "**אפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו שום דבר מרשעו**" - א רשע וואס האט אפגעזינדיגט זיין גאנץ לעבן, און איין מינוט פארן שטארבן האט ער תשובה געטון, וועט מען אים גארנישט דערמאנען פון זיינע עבירות אויף יענער וועלט. שפעטער שרייבט ער (פ"ז ה"ד): "ואל ידמה אדם בעל תשובה שהוא מרוחק ממעלת הצדיקים מפני העונות והחטאות שעשה אין הדבר כן אלא **אהוב ונחמד הוא לפני הבורא כאילו לא חטא מעולם ולא עוד אלא ששכרו הרבה** וכו'. אמרו חכמים מקום שבעלי תשובה עומדין אין צדיקים גמורין יכולין לעמוד בו כלומר **מעלתן גדולה ממעלת אלו שלא חטאו מעולם** מפני שהן כובשים יצרם יותר מהם" - א מענטש זאל נישט מיינען אז א בעל תשובה איז ווייניגער פון א צדיק גמור, ניין! דער רבונו של עולם האט ליב און גלוסט צו דעם בעל תשובה נאכמער פון א צדיק! שפעטער שרייבט ער נאכמער (ה"ו-ז): "גדולה תשובה שמקרבת את האדם לשכינה שנאמר שובה ישראל וכו' כלומר **אם תחזור בתשובה בי תדבק**. התשובה מקרבת את הרחוקים, אמש היה זה שנאוי לפני המקום משוקץ ומרוחק ותועבה **והיום הוא אהוב ונחמד, קרוב וידיד** וכו' וכן אתה מוצא שבלשון שהקב"ה מרחיק החוטאים בה מקרב את השבים בין יחיד בין רבים וכו' כמה מעולה מעלת התשובה אמש היה זה מובדל מה' אלקי ישראל שנאמר וכו' **והיום הוא מודבק בשכינה** שנאמר וכו', **צועק ונענה מיד** שנאמר וכו', **ועושה מצות ומקבלין אותן בנחת ושמחה** שנאמר כי כבר רצה האלהים את מעשיך, **ולא עוד אלא שמתאוים להם** שנאמר וכו'" - דער בעל תשובה ווערט דבוק אין דער שכינה! זיין נאנטקייט צום רבונו של עולם ווערט אנגערופן מיט מורא'דיגע לשונות 'אהוב' און 'נחמד', 'קרוב' און 'ידיד'! זיינע תפילות ווערן באלד אויסגעהערט! זיינע מצות ווערן אנגענומען אין הימל מיט א שמחה און מען ווארט שוין מיט א תשוקה אויף זיינע מצוות!

המשך בעמוד הבא >>>

**נקודות:**

עס איז נישטא עפעס א געוויסע 'סוג מענטשן' וואס זיי האט מען פון הימל באשאפן צו זיין צדיקים, און די אנדערע מענטשן האט מען באשאפן צו זיין פשוט'ע אידן. נאר מען האט באשאפן יעדן איד מיט כוחות דקדושה, אז טאמער ער וועט 'וועלן' - וועט ער ווערן א צדיק!

~

נאכדעם וואס א מענטש האט געזינדיגט, זאגט מען שוין נישט אז עס וואלט בעסער געווען ווען ער וואלט געווען א צדיק גמור, ניין! איינמאל מען האלט שוין דא, זאגט מען אז די תשובה איז א 'לכתחלה'! מען זאגט, אז יעצט האט ער זוכה געווען צו א געלעגנהייט פון אנקומען צו נאך א העכערן פלאץ – ווי ווען ער וואלט געווען א 'צדיק גמור'

# דרכי הצדיקים

**ליקוט בענין 'שמחה'**

סיפורי קודש בדרכם של רבותינו הק' זי"ע

- דרכו בקודש של הרה"ק הרבי מלובלין זי"ע היתה כל כולו 'שמחה', והנה הרה"ק מראפשיץ זי"ע היה לו סדר קבוע בכל שנה, שהיה נוסע אל הרבה צדיקים להיות אצלם בשבת. והיה נוהג בכל פעם שהיה הולך למסעיו, לשבות בתחילה אצל הרבי מלובלין, ומשם היה נוסע אל הצדיקים האחרים. וכן אח"כ בדרכו חזרה אל ביתו, עבר שוב אצל הרבי מלובלין, ומשם שב לביתו. ואמר על כך: 'א איד דארף אנהייבן מיט שמחה און ענדיגן מיט שמחה' (יהודי צריך להתחיל עם שמחה ולסיים עם שמחה).

- שמעתי מכ"ק מרן רבינו זי"ע כי פעם אמר הרה"ק הרבי מלובלין: 'איך האב ליבערשט א לוסטיגן בעל עבירה ווי א צוגעלייגטן ערליכער איד' (אני אוהב יותר בעל עבירה השרוי תמיד בשמחה, מאשר איש ירא שמים השרוי בעצבות וכבידות), כי אצל הרבי מלובלין היה ענין השמחה עיקר היסוד.

פעם חזרתי על מאמר זה בפני כ"ק אדמו"ר מאמשינאוו זי"ע, והרי בחצה"ק אמשינאוו לבית ווארקא ג"כ נהגו ביותר במדת השמחה, וכאשר שמע מאמר זה, היה ניכר עליו שהוא מחיה את עצמו בדברים אלו עד מאד, וממש ניתר ממקומו מרוב התפעלות, ואמר בהתלהבות: 'ס'איז דא א גרויסע שֵׂכֶל אין דעם ווארט'! (יש 'שכל' גדול במאמר זה). ואחר כך חזר על מאמר זה בכמה הזדמנויות, באמרו כי שמע דבר זה בשם כ"ק רבינו זי"ע.

- פעם אחת הגיע הרה"ק מראפשיץ לעיר רימנוב לשבות בצלו של רבו הרה"ק הרבי ר' מענדעלע זי"ע, והיה אז עצירת גשמים באותן גלילות של רימינוב ולא ירד מטר במשך תקופה ארוכה וכמובן שהציבור היו בעצבות וכבידות. וגזר הרה"ק הרבי ר' מענדעלע כמה תעניות על הציבור, ועדיין לא נענו. וכשהגיע הרה"ק מראפשיץ שאל אותם 'מה אירע כאן', ענו לו דברים כהווייתן כי הציבור היה היום בתענית על עצירת הגשמים. אמר להם הרה"ק מראפשיץ בתמיהה: 'אז ס'רעגנט נישט פאסט מען?! אז ס'רעגנט נישט קויפט מען אביסל מעד און מ'טרינקט לחיים, רעגנט'! (כאשר אין יורדים גשמים מתענים?! אם אין יורדים גשמים קונים קצת 'מעד' (משקה) ושותים לחיים, ואז יורדים גשמים!) ואכן ציוה שיקנו ויביאו 'מעד' - כי כבר היה אחר סיום התענית, ושתו כל הציבור 'לחיים' ונהייתה שמחה בביהמ"ד, ואכן תיכף ומיד נתקדרו השמים בעבים וירדו גשמים מרובים (אַ שלאַק'ס רעגן). והנה להרה"ק מראפשיץ היה איזה חבר טוב ברימנוב, אשר בכל פעם שהיה חושש שלא יכשל ח"ו בפניות וגיאות וכדו', היה הרה"ק מראפשיץ ניגש אליו ועושה עמו איזה מילתא דבדיחותא כדי להינצל מזה. וכך גם אחר מעשה זה, ניגש הרה"ק מראפשיץ אל חברו ואמר לו: 'נו, יעצט וועסטו שוין האלטן פון מיר? זעסט, דער רָב האט גוזר תענית געווען, און ס'האט נישט געהאלפן. און איך האב געהייסן טרינקען מעד, און ס'האט באלד גערעגנט...' (האם כעת כבר תאחז ממני? ראית, הרב גזר תענית, וזה לא עזר כלום. ואני ציויתי לשתות 'מעד', ומיד התחילו הגשמים...). ענה לו חברו: 'וואס האלסטו דיך אזוי גרויס? פארצייטנ'ס האבן ערליכע אידן אזוי ווי אייך געברענגט א מבול אויף די וועלט...' (מה אתה מתגאה כל כך? הנה בשנים קדמוניות הביאו 'ערליכע אידן' כמוך מבול לעולם...).

- סיפר כ"ק אדמו"ר מאמשינאוו, כי הרה"ק רבי חיים חייקא מאמדורא זי"ע היה עני מרוד מאד, והיה ממש מופשט מן העולם הזה, וכל גינוני עולם הזה לא תפסו אצלו מקום כלל. פעם אחת בימות החורף נזדמן לעיר 'בארדיטשוב', ולפי שהיה הקור גדול מאד, השאיל לו אדם אחד את מעילו להתחמם בו. אבל מרוב בטלנותו של רבי חיים חייקא לא הבחין איך הלביש עצמו במעיל, ולבש אותו באופן הפוך - כאשר הצד הפנימי כלפי חוץ, וכך הלך ברחובה של עיר. וכל אנשי העיר, כאשר ראוהו מתהלך עם המעיל ההפוך, חייכו ושחקו. כשהבחין רבי חיים חייקא איך שבכל מקום שהוא הולך אנשים שוחקים ומחייכים, ולא ידע ולא הבין למה הם שוחקים, ענה ואמר: 'אַה, יעצט פארשטיי איך שוין ווי אזוי דער הייליגע בארדיטשוב'ער איז געקומען צו אזא גרויסע מדרגה, ער וואוינט דאך אין א שטאט ווי יעדער איז בשמחה...' (אַה, כעת אני כבר מבין איך הגיע הרה"ק מבארדיטשוב למדריגתו הרמה, הרי הוא דר בעיר שכולם בשמחה...).

- בחצר הק' אמשינאוו היה הכל סובב הולך על ענין השמחה, עד כדי כך שאצל כ"ק אדמו"ר מאמשינאוו היתה עצבות כ"כ חמור ונחשב ממש כעין 'החטא הידוע'. פעם אמר על מצות וידוי ביום הכיפורים, שהיה זו עבודתו דייקא של הכהן גדול להתוודות על עוונות כל בני ישראל, ושאל: 'פארוואס האט מען געגעבן די מצוה פון וידוי דוקא פאר'ן כהן גדול און נישט פאר יעדער איינער'? (למה נתנו את מצות הוידוי דוקא אל הכהן גדול, ולא לכל אחד?). וענה בנעימות לשונו הק': 'ווייל וידוי איז א שווערע מצוה, מ'קען דאך חס ושלום ווערן בעצבות! די תורה האט נישט קיינעם געטרויעט מיט די מצוה, נאר דעם כהן גדול! דעם כהן גדול האט מען געקענט געטרויען מיט די מצוה פון וידוי'! (כי וידוי היא מצוה קשה, הרי יכולים חס ושלום להיות על ידי זה בעצבות! התורה לא סמכה על כל אחד במצוה זו, רק על הכהן גדול! על הכהן גדול היו יכולים לסמוך ולמסור בידו מצוה זו של וידוי!).

כמה פעמים אירע אשר כ"ק אדמו"ר מאמשינאוו פתח את פיו לומר דברים, בלי שיקדימו לשאול אותו איזה דבר, והיה לזה נועם וחן מיוחד. פעם אחת כאשר נכנסתי אליו פתח ואמר: 'יעדער איינער קען זיין א בן עליה! נו, פארוואס איז נישט יעדער קיין בן עליה? ווייל מ'איז נישט בשמחה! וואלט מען געווען בשמחה, וואלט יעדער געווען א בן עליה'! (כל אחד יכול להיות בן עליה! ולמה אם כן אין כל אחד בן עליה? לפי שאינם בשמחה! אילו היו בשמחה, היה כל אחד בן עליה!).

<<< המשך מעמ' הקודם

**ווען מען האלט שוין דא, איז דאס דער לכתחלה'דיגער פלאן!**

אין אנדערע ווערטער: 'נאכדעם' וואס א מענטש האט געזינדיגט ר"ל, זאגט מען שוין נישט אז עס וואלט בעסער געווען ווען ער וואלט געווען א צדיק גמור, ניין! איינמאל מען האלט שוין דא, זאגט מען אז די תשובה איז א 'לכתחלה'! מען זאגט, אז יעצט האט ער זוכה געווען צו א געלעגנהייט פון אנקומען צו נאך א העכערן פלאץ - ווי ווען ער וואלט געווען א צדיק גמור! ווייל **תשובה איז א לכתחלה'דיגער תיקון וועלכער איז מתקן דעם חטא בשורש און איז מגלה אז עס האט אזוי געמוזט זיין! עס איז מגלה אז אלע עונות זענען גאר 'זכיות'!** עס איז א גרויסער פלא וויאזוי דאס ארבעט, און עס איז א טיפער ענין דאס צו קענען פארשטיין מיטן שכל הפשוט, אבער קודם כל דארף מען וויסן קלאר און אננעמען די דאזיגע הנחה - צי מען פארשטייט עס יא צי נישט - אז עס איז נישטא אזא זאך אז דער רבונו של עולם זאל מרחק זיין איינעם צוליב זיינע אמאליגע חטאים! פון דער רגע וואס ער טוט תשובה, איז ער אנגענומען און באליבטביים רבונו של עולם פונקט ווי פריער, און נאכמער פון פריער.

**דער רבוש"ע נעמט דיר אינגאנצן אויף זיין אחריות!**

אויפן שפיץ גאפל וועט מען עס מקרב זיין אל השכל: וויפיל א מענטש האט טאקע א בחירה אויף יעדן פרט, אבער **'אינעם גרויסן בילד' איז פארהאן א וועלט פון הנהגת ה', וואס דער רבונו של עולם - וואס ער האט באשאפן יעדע אידישע נשמה פארן תכלית הטוב - נעמט אחריות אויף יעדע נשמה, אז סוף כל סוף זאל ער אנקומען צו א תיקון בתכלית השלימות און ער זאל נישט פארווארפן ווערן!** און אזוי אויך בכלליות, וועט דער רבונו של עולם מאכן זיכער, אז כלל ישראל גייט בדרך הטוב און ווערט אויסגעלייזט פונעם גלות! און דאס אלעס איז געבונדן מיט תשובה; ווי דער פסוק זאגט - לגבי יעדן איד בפרטיות (תהלים צ, ג): "תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי אָדָם", און ווי דער רמב"ם זאגט - לגבי כלל ישראל בכלליות (תשובה פ"ז ה"ה): "סוף ישראל לעשות תשובה בסוף גלותן ומיד הן נגאלין". פאר אונז מיינט דאס: אין דער רגע וואס א מענטש פילט א געפיל פון חרטה אויף זיינע עבירות, און ער שפירט אז ער איז נישט בכח אליינס צו פארריכטן אלעס וואס ער האט פוגם געווען און צוריקקומען צו א מדרגה פון א צדיק גמור, פון יענע רגע עפנט זיך אויף א נייער אור אין זיין וועלט - וועלכע רופט זיך 'אור התשובה', וואס דער רבונו של עולם איז אים מגלה א סוד: "איך האב דיר באשאפן און איך וועל מיר זארגן פאר דיין תיקון הנפש! **עס איז נישט דיין עסק, עס איז מיין עסק! אויב איינער דארף זיך פילן שלעכט, דארף איך כביכול פילן שלעכט פאר דיר! עס האט גארנישט צוטון מיט דיר! עס איז נישט דיינע 'קלקולים' און נישט דיינע 'תיקונים'**, עס האט צוטון מיט מיר! איך נעם עס איבער און עס איז אויף מיין אחריות!". און איינמאל דער רבונו של עולם נעמט עס איבער, קען מען טאקע שפירן מיט א רואיגקייט, אז עס איז אלעס געווארן זכיות און לכתחלה'דיג.

**דער יצר הרע ביי בחורים: איך בין שוין אפגעסטעמפלט אויפן לעבן...**

אינ'אמת'ן וואלט מען אפשר נישט געדארפט רעדן די סארט דיבורים צו בחורים, ווייל א בחור האלט דאך נאך בעפאר די התחלה פונעם לעבן. אבער וויבאלד דער יצר הרע ארבעט אזוי שטארק מיט זיינע תחבולות, און **ער איז מצליח איינצורעדן דעם בחור, אז ער איז שוין אן ערוואקסענער מענטש און ער האט זיך שוין אוועקגעשטעלט זיין מצב פארן לעבן, און ער קען זיך שוין נישט טוישן**, און ממילא איז דער בחור נאר פארנומען צו טראכטן וואס ער האט קאליע געמאכט... דעריבער האט מען נישט קיין ברירה, און מען מוז רעדן צו בחורים אויך דעם שפראך.

**דו ביסט נאכנישט אפגעסטעמפלט - סטעמפל זיך יעצט אפ אלס א צדיק!**

דער עכטער שפראך וואס מען דארף רעדן צו בחורים - וועלכע ווילן תשובה טון און מתקן זיין זייערע קלקולים - איז: "בחור'ל, דו האסט נאכנישט אנגעהויבן לעבן! דו האסט נאך א גאנץ לעבן פאר דיר! אין בית דין של מעלה שטראפט מען דיר נאכנישט ביז צו די צוואנציג, ווייל דיין דעת איז נאכנישט גענוג אנטוויקלט און דו האסט נאכנישט גענוג ערפארונג אין לעבן! דו האסט זיך נישט וואס צו באקלאגן: "אזא שאד אז איך בין נישט קיין צדיק גמור! איך וואלט דאך געקענט זיין א צדיק גמור!", ווייל דו ביסט נאך גארנישט! דו ביסט נאכנישט קיין 'צדיק', און אויך נישט דער 'היפוך' פון א צדיק! **דו האסט נאכנישט קובע געווען 'ווער' דו ביסט! דו האסט נאכנישט אנגעהויבן! בחור'ישע יארן זענען יארן וואס מען האלט אינמיטן נתחנך ווערן, וויאזוי 'אנצוהייבן' און וויאזוי זיך אוועקצושטעלן אויפן לעבן, נו, הייב אָן גוט! שטעל זיך אוועק אז דו ביסט יא א צדיק גמור!** דו דארפסט נאך בכלל נישט אנקומען צו דעם חיזוק, פון וויסן וואס תשובה קען אלץ אויפטון אויפן 'עבר', ווייל דו האסט נאכנישט קיין 'עבר' - דו האלטסט יעצט אינמיטן אויספארעמען א גוטן 'עתיד' בסייעתא דשמיא!".

ישר
718.484.2189



**מערכת השיעורים**
בארה"ב: **718.536.2347**
בארה"ק: **072-3323310**

**כל הזכויות שמורות**
למכון תולדות יהודה סטיטשין
**אין להעתיק שום חלק מגליון זה בלי רשות המערכת**

**לקבל הגליון מדי שבוע במייל,**
**לסדר מוקד הפצה, ולתרומות:**
gilyondoeihu@gmail.com - Tel. 347.662.3229